# משיחת ש״פ שלח תשל״א

ז. בנוגע דעם זהר, ועכ"פ בקיצור: דער ענין פון "אתרעי בהו" איז אן ענין וואס קומט מלמעלה, דאס איז ניט אן ענין וואס איז תלוי אין עבודת המטה, נאר דער גאנצער ענין קומט לכתחלה מלמעלה

– למטה, ווארום –

למטה, וואדרום דאס רעדט זיך וועגן רצון, און ווי ער זאגט אז דאס איז "חסד עילאה", און כאר רצון איז די גאנצע מציאות פון התחתון ניטא, וואדרום ווען איז געווארן די מציאות התחתון, עדמש כטעלה ברצונו, אבער פאר דעם וואס עלה ברצונו, איז ניטא די גאנצע מציאות התחתון.

דערפאר זאגט מען אז "אחרעי בהו" איז ניט תלוי אין עבודת המטה נאר דאס איז אן ענין וואס קומט מלמעלה, אז דער רצון פון דעם אויבערשטן איז געווען אין אידן, ווי עס שטייט (רש"י ורמב"ן ר"פ בראשית. ועוד) "בשביל ישראל שנקראים ראשית", און ווי עס שטייט "עם המלך במלאכתו ישבו שם" אז "בפני נמלך בנשמותיהן של צדיקים" (רות רבה פ"ב,ג (בשינוי לשון קצת)).

דערנאך קומט "ואתכני בהו", וואס דער ענין פון כינוי איז שוין מצד מציאות התחתון; וואס א כינוי איז ניט דער נאמען ווי ס'איז בלה"ק, דאס איז בלויז א שם הכינוי, וואס דאס מיינט אז נוסף לזה וואס ער הייסט מיט א געוויסן נאמען, איז ער אויך "המכונה", אז בשם הכינוי ווערט ער אנגערופן אזוי און אזוי, און ווי דער דין (שו"ע אה"ע סקכ"ט סעי' טד) בנוגע לגיטין וטטרות אז מ'דארף שרייבן "המכונה" וואס דאס איז ווי מ'רופט עם בשם הכינוי (ניט ווי בנוגע אנדערע סארט נעמען וואס מ'שרייבט "דאיתקרי" אדער ד"מיתקרי") – אבער דאס איז ניט זיין אמת'ער נאמען.

אבער פון דעם שם הכינוי קען מען וויסן ווי ער הייסט, ד.ה. אז אין דעם שם הכינוי האט מען טאקע ניט בגלוי זיין נאמען, אבער דערפון קען מען וויסן וואס זיין נאמען איז, אזוי ווי עס ברייננט זיך די דוגמא אויף דעם פון נאמען ארי' ליב, וואס דער שם ליב איז א כינוי אויפן שם ארי' – איז בשעת מ'זאגט ארי', ווייס מען דאך קלאר זיין נאמען, ד.ה. אז מ'קען זען דיין נשמה, מ'האט די אותיות וועלכע זיינען עם מחי', משא"כ בשעת מ'זאגט ליב, האט מען ניט בגלוי זיין נאמען, עס איז בלויז אז וויבאלד מ'איז עס מכנה בשם ליב קען מען מבער זיין אז מסתמא הייסט ער ארי', אבער עס איז ניט זיכער, ליב קען דאך זיין א כינוי אויף נאך א נאמען, און עס קען דאך זיין אז ער האט שני שמות, עס איז בלויז אז פון דיין כינוי קען מען האבן א השערה אז מסתמא הייסט ער מיט דעם און דעם נאמען, ווי ער הייסט באמת, אבער בגלוי האט מען דאס ניט.

עד"ז איז דאס בנוגע דעם אויבערשטן און אידן: בשעת א איד גייט אין גאס, זעט זיך ניט אין עם אלקות בגלוי, ער האט טאקע א נפה"א וואס איז א"חלק אלוקה ממעל ממש" (תניא רפ"ב), דאס איז אבער ניט מאיר בגילוי, ד.ה. אז מ'זעט ניט אין אים קיין אלקות בגלוי – א גוי זעט דאס ניט און אפילו א איד זעט דאס אויך ניט, ביז אז עס גייט ארום א מציאות פון א גוף וואס איז דומה בחיצוניותו צו א גוף פון א גוי און מ'דארף אנקומען צו "ובנו בחרת" – עס דארף אין דערויף זיין דער ענין הבחירה (ווי מ'זאגט אין ברכות ק"ש), וואס דאס גייט אויף'ן גוף, ווי דער אלטער רבי זאגט אין תניא (פמ"ט (ע' רע"א)).

אבער פונדעסטוועגן איז א איד א כינוי אויף אלקות, א איד ווייזט אויף אלקות, און פון א איד קען מען דערקענען אלקות.

– דאס מיינט –

דאס מיינט אז דער אויבערשטער איז "אתכני בהו", אז בשם הכינוי ווערט דער אויבערשטער אנגערופן בשם ישראל; וואס דאס איז שוין מצד מציאות התחתון, ווי א איד געפינט זיך דא למטה און די נשמה איז בהעלם בגוף, באופן כזה זאגט מען אז א איד איז א כינוי אויף אלקות;

בשעת ער טראגט תפלין, דעמאלט איז "וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עליך" (תבוא כח,י. ברכות ו,א), אלקות שטייט בגלוי ועד"ז ביי כל המצות, ווארום ס׳איז דאך "הוקשה כל התורה כולה לתפלין" (קידושין לה,א), אבער בשעת ער טראגט ניט קיין תפלין, און די ציצית זיינען ביי עס באהאלטן, דעמאלט זעט מען ניט אין עס אלקות בגלוי, אבער אפילו אין אזא מעמד ומצב איז א איד א <u>כינוי</u> אויף אלקות, ד.ה. אז פון א איד קען מען דערקענען אלקות.

עס איז אבער בלויז א כינוי, וואס דערפאר דארף מען אויף דעם זיין א מבין, און ניט אלע קענען זען ווי א איד איז א כינוי אויף אלקות, ווי דער רבי (מהורש"ב) נ"ע האט געזאגט אז אויף א איד דארף מען זיין א מבין, כידוע הסיפור (ראה סה"ש תש"ה ע׳ 41 ואילך) פון דעם רבי׳ן נ"ע מיט ר׳ מאניע מאנעסזאן, אז בשעת׳ן רעדן אמאל מיט׳ן רבי׳ן נ"ע האט ר׳ מאניע מאנעסזאן געזאגט אויף א איד׳ן אז ער איז אן איש פשוט; ר׳ מאניע האט דאך געהאנדלט מיט אבנים טובות, האט אים דער רבי נ"ע געבעטן ער זאל עס ווייזן א געוויסן אבן טוב, האט ער באוויזן דעם רבי׳ן נ"ע אן אבן וואס איז נאך ניט געווען אויסגעארבעט און ער האט געזאגט אז דאס איז אן אבן טוב, האט אים דער רבי נ"ע געפרעגט, דאס איז דאך אן אבן א קטן און א בזוי איז וואס הייסט אז דאס איז אן אבן טוב? האט אים ר׳ מאניע געענטפערט אז ער בעט מחילה אבער מ׳דארף אויף דעם זיין א מבין, ניט אלע קענען וויסן וואס איז אן אבן טוב; האט אים דער רבי נ"ע געענטפערט אז ביי א איד׳ן איז דאס אויך אזוי, אויף א איד דארף מען זיין א מבין און ניט אלע קענען וויסן.

במילא, אויב ער איז ניט קיין מבין קען ער דאס ניט זען, אויב אבער ער איז א מבין, קען ער זען ווי א איד איז א כינוי אויף אלקות, ד.ה. אז בגלוי זעט זיך טאקע ניט קיין אלקות, ווייל דער נפה"א איז מלובש אין דעם גוף און דאס געפינט זיך דארט בהעלם, אויב אבער ער איז א מבין זעט ער ווי א איד איז א כינוי אויף אלקות.

אעפ"כ איז דער ענין פון כינוי פאראן דוקא ביי ישראל, ע"ד ווי מ׳זאגט אז דער שם ליב קען זיין א כינוי אויף ארי׳, אבער א נאמען וואס האט לגמרי ניט קיין שייכות מיט ארי׳ קען ניט זיין קיין כינוי אויף ארי׳, אזוי איז דאס אויך אין דעם ענין: דוקא אידן קענען זיין א כינוי אויף אלקות, ווארום א איד האט דאך א נפה"א, א "חלק אלוקה ממעל", און בא אים זיינען דא די רמ"ח מ"ע כנגד די רמ"ח אבריו און שס"ה מל"ת כנגד די שס"ה גידים, וואס במילא איז זיין גאנצער ענין א מציאות פון תורה, און דאס גייט דאך אויף אלע אידן ווארום "אע"פ שחטא ישראל הוא" (סנה׳ מד,א); דערפאר זאגט מען "דאתכני בהו" דוקא אויף אידן.

דערנאך קומט דער ענין פון "ואתפאר בהו" וואס דער ביאור

- אין דעם -.

אין דעם איז: נאך מ"ת איז געווארן אז "התחתונים יעלו לעליונים והעליונים ירדו לתחתונים" (שמו"ר כ"ב,ג. תנחומא וארא יט), וואס לכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק: דאס וואס "תחתונים יעלו לעליונים, איז מובן - ע"ז ווערט דאך אן עילוי אין תחתונים וויבאלד זיי ווערן עולה לעליונים, אבער נאר וואס האט געדארפט זיין אז "עליונים ירדו לתחתונים", אין דערויף איז לכאורה קיין עילוי ניטא? און דער אויבערשטער האט געוואלט געבן אידן די תורה - אבער וואס איז דאס פארבונדן מיט "וירד ה' על הר סיני (יתרו יט,כ), - ער האט דאס געקענט אויפהייבן תחתונים למעלה?

איז דערפון פארשטאנדיק אז עס טוט זיך אויף אן עילוי אין עליונים בשעת זיי קומען אראפ אין תחתונים: פונקט ווי עס טוט זיך אויף אן עילוי אין התחתונים בשעת מ'הייבט זיי אויף למעלה, עד"ז, ובדוגמא כדו [ביז מ'קען זאגן כביכול די זעלבע זאך ממש] טוט זיך אויף אן עילוי אין עליונים בשעת זיי קומען אראפ למטה; וואס דערנאר זאגט מען אז "עיקר שכינה בתחתונים היתה" (תהש"ר רפ"ה), אז דער עיקר ועצמיות השכינה געפינט זיך דא למטה דוקא; און דאס האט אויך אויפגעטאן בנוגע צו תורה אז "לא בשמים היא" (נדרים ו,יב. ב"מ נט,ב); תורה געפינט זיך ניט למעלה נאר דוקא דא למטה.

און דאס איז דער ענין פון "אתפאר בהו", אז דווי דער אויבערשטער געפינט זיך דא למטה איז נאך א העכערער ענין פון ווי ער געפינט זיך למעלה.

כמובן אויך פון וואס ער זאגט אין מדרש רבה פ' תרומה (בתחילתו), א משל למלך וואס האט געהאט א בת יהידה, איז בשעת די האט חתונה געהאט איז דעם מלך געווען שווער זיך צו געזעגענען מיט איר, האט ער געבעטן ביי דעם איידעם אז ער זאל בויען א קיטון כדי עס זאל דער מלך קענען דארטן קומען און זיין צוזאמען מיט די בת יהידה און דעם איידעם.

ולכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק: דו ביסט דאך דער מלך אדיר, איז וואס גייסטו צום איידעם, ברייינג דיין בת יחידה מיט'ן איידעם צו זיך?

איז דערפון פארשטאנדיק אז עס טוט זיך אוף אן עילוי אין דעם מלך בשעת ער קומט אין דעם ארט וואו דער איידעם געפינט זיך - וואס דערפאר האט דער מלך געבעטן אז מ'זאל עס בויען א קיטון ער זאל קענען זיין דארט וואו דער איידעם געפינט זיך.

עד"ז איז דאס אין דעם נמשל (ווי עס איז פארשטאנדיק פון דעם משל אין מדרש רבה אין תרומה ובכ"מ): אז ווי דער אויבערשטער געפינט זיך דא למטה מיט אידן איז נאך א העכערער ענין.

עס שטעלט זיך אבער די שטורעם'דיקע שאלה: פארוואס זאגט מען די דריי מעלות בנוגע אידן דוקא, אז "קב"ה אתרעי בהו ואתכני בהו ואתפאר בהו", די זעלבע זאך איז בנוגע צו אומות העולם, און די זעלבע זאך איז בנוגע אלץ וואס איז דא אין וועלט: ס'איז דאך "לא ברא הקב"ה בעולמו דבר אחד לבטלה" (ראה שבת עז,ב), איז דאך יעדער זאך וואס איז דא אין וועלט געווארן דערפאר וואס דער אויבערשטער האט עס געוואלט - וויבאלד עלה ברצונו עס זאל זיין אזוי, און אויב ניט וואלט דאס ניט געווארן; איז דאך געווען

- "אתרעי" -

"אחרי" אויף יעדער זאך וואס געפינט זיך בעולם?

עד"ז בנוגע "ואתכני בהו": עס איז דאך ידוע (שער האמונה – לאדמו"ר האמצעי – סכב"ז. סה"מ תש"ט ע' 37 וראה סה"מ תקס"ב ע' פד) אז דער מגיד האט דערקענט דעם כח הפועל בנפעל אין א כלי, ד.ה. אז פון דער כלי האט דער מגיד דערקענט אז דער אומן וואס האט עס געמאכט איז געווען א סומא בעין אחת; און עס איז ניט דער פשט אז דער מגיד האט אויפגעטאן אז עס זאל דארט זיין דער כח הפועל, נאר אלע מאל איז עס דארט פאראן, עס איז בלויז אז ניט אלע קענען דאס דערקענען, און מ'דארף אנקומען צו אזא ווי דער מגיד ער זאל דאס קענען זען;

איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז אין יעדער זאך וואס דער אויבערשטער האט באשאפן אין וועלט, איז דא דער כח הפועל בנפעל פון דעם אויבערשטן – ובמילא וויבאלד אז דער אויבערשטער האט עס באשאפן, קען מען פון יעדער זאך אין וועלט דערקענען אלקות, איז דאך "ואתכני בהו" אין יעדער זאך וואס איז דא בעולם?

עד"ז בנוגע "ואתפאר בהו": די משנה (י"א) (אדער די ברייתא) פון פרק "קנין תורה" זאגט "כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו שנאמר כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו", ד.ה. אז יעדער זאך וואס דער אויבערשטער האט באשאפן בעולם איז לכבודו, און אין אן אופן ווי ער איז דארט מסיים "ואומר ה' ימלוך לעולם ועד", אז דאס טוט אויף א גדלות אין מלכות הקב"ה – איז דאך פאראן "ואתפאר" פון אלע ענינים וואס זיינען דא דא אין וועלט?

אויף דעדויף ענטפערט מען: אמת טאקע עס איז דא א וועלט, און א גרויסע וועלט, און עס זיינען פאראן די אלע עממין, אבער אידן זיינען דער "לב" פון דער גאנצער וועלט, ווייל די וועלט איז בדוגמת א גרויסן גוף (מו"נ ח"א פע"ב), און אידן זיינען דער לב און דער נפש פון אט דעם גוף, און פון זיי ווערט נמשך דער היות בכל העולם כולו, און ווי עס שטייט אין מדרש (במדב"ר פ"א) אז אויב די גוים וואלטן געוואוסט די טובה וואס זיי האבן פון ביהמ"ק [וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם וואס אידן זיינען מקריב די פרי החג בחג הסוכות נגד שבעים אומות העולם (ראה סוכה נה,ב. במד"ר ותנחומא ס"פ פנחס)], וואלטן זיי ארום גערינגלט דעם ביהמ"ק מיט לגיונות אויף צו היטן דעם ביהמ"ק.

און וויבאלד אז אלץ איז באשאפן געווארן בשביל אידן, איז דאס בדוגמא ווי דער מלך וואס בויט א בית נאה פאר זיין איידעם, איז במה נחשב דער בית נאה מיט די אלע מדגליות וואס זיינען דארט פאראן, לגבי דעם איידעם פאר וועמען ער מאכט דעם בית, ובמילא מובן אז במה נחשב הוא דער "אתרעי בהו ואתכני בהו ואתפאר בהו" וואס איז דא בכל העולם כולו לגבי דעם "אתרעי בהו ואתכני בהו ואתפאר בהו" וואס איז דא בנוגע אידן, וואס זיי זיינען דאך דער תכלית און בשביל זיי איז אלץ באשאפן געווארן.

דערפון איז פארשטאנדיק אז פונקט ווי אין גוף האדם כפשוטו, אויב מ'שניידט ארויס א חלק מבשר הגוף פון אן אנדער ארט און מ'שטופט דאס אריין אין לב, דייסט מען אפ אט דעם חלק בשר פון זיין חיות, און מען איז ע"ז מסכן דעם לב, און מ'איז מסכן דעם גאנצן גוף, וכמובן בפשטות אז אויב מ'שטופט אריין אין לב

– א שטיקל בשר –

א שטיקל בשר פון א מקום זר איז דאס די גרעסטע סכנה וואס קען נאר זיין.

**נאבמער:** דער לב אליין וועט סיי ווי ארויסווארפן דעם שטיקל בשר, ווארום דער לב איז ניט מסוגל לזה, ווי דאקטוירים זאגן שוין אז אויב מ'וויל אריין לייגן אין א גוף אן אבר וואס מ'האט גענומען פון א גוף זר; קען דאס דער גוף ניט מקבל זיין און די וועט דאס ארויסווארפן.

אזוי ווי דאס איז בנוגע כליות, נירן, אז אויב בא איינעם פעלט איין ניר, און מ'וויל אים אריינלייגן א כלי' פון א צווייטן גוף, וועט ער דאס ניט קענען מקבל זיין; ולכאורה, אויב עס פעלט ביי דיר א כלי', איז דאך פארהאן אויף דערויף א פשוט'ע עצה: נעם א כלי' פון א צווייטן גוף, שנייד דאס פון דארטן ארויס, און שפאר דאס אריין ביי דיר? זאגן דאקטוירים, ניין! מ'דארף וויסן צי דער גוף איז מסוגל לזה, און ברובא דרובא איז דער גוף טאקע ניט מסוגל דאס מקבל זיין במילא וועט זי דאס ארויסווארפן.

דאס רעדט זיך אפילו וועגן א כלי', וואס א כלי' איז א וויכטיקער אבר און דער גוף מוז דאס האבן, בונדעסטוועגן, קען מען ביי עם ניט אריין שפארן א כלי' פון א גוף זר; ואדרבה: דאס וואס וועט שאטן דעם גאנצן גוף, ווי מ'זעט אז אע"פ **דער אויבערשטער** האט באשאפן א גוף מיט צוויי כליות, איז **אבער** אויב עס פעלט ביי עם איין כלי', קען ער אזוי לעבן כמה וכמה שנים [אויב ער פירט זיך מיט א געוויסן סדר], משא"כ אויב מ'שפארט ביי עם אריין א כלי' פון א צווייטן גוף, איז ניט נאר וואס דאס ברענגט ניט קיין תועלת, נאר אדרבא, "כל יתר כנטול דמי" (חולין נח,ב) – מ'איז מסכן דעם קיום הגוף כונקט ווי מ'וואלט צוגענומען אויך די צווייטע כלי', ד.ה. אז דאס פועל'ט אז אפילו מיט דער איין כלי' וואס ער האט קען ער אויך ניט לעבן.

כפרוואס? – ווארום דער גוף איז ניט מסוגל אויף מקבל זיין אן אבר פון א מקום זר; אלע דאקטוירים זאגן שוין אזוי, און עס איז געדרוקט אין אלע צייטונגען, אז ס'איז ארויס אפילו אין "טוסטער גאס" (ווי מ'פלעגט אמאל זאגן).

עד"ז איז מובן אין דעם ענין: בשעת מ'זאגט אויף א גוי אז ער איז א איד, צוליב מ'וויל עם אריין שפארן צווישן אידן, רייסט מען אפ דעם גוי פון זיין היות, און מ'איז מסכן עי"ז אכצן מיליאן אידן; ס'איז טאקע דא א גרויסע וועלט, א גרויסער גוף, אבער ווען קען דער גוף זיין א גוף בריא, בשעת יעדער אבר געפינט זיך אויף זיין ארט, אבער בשעת מ'נעמט א גוי און מ'ווארפט עם אריין צווישן אידן, איז ניט נאר וואס מ'רייסט אפ דעם גוי פון זיין היות, נאר מ'מאכט כון עם א דבר המזיק, מ'מאכט עם פאר א מכשול אז ער לייגט אריין בסכנה אלע אידן און ער לייגט אריין בסכנה כל העולם כולו.

מ'זאגט טאקע אז "א-ל אחד בראנו" – איז דאס א פסוק אין תורה (מלאכי ב,י); צי עס דארף זיין שלום צווישן אידן מיט גוים, – זיכער דארף אזוי זיין; "כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם", אזוי פסק'נט דער רמב"ם (סוף הל' חנוכה); וואס דערפאר איז דא דער דין אז "מפרנסין עניי עכו"ם עם עניי ישראל" (גיטין סא,א),

– אבער ווען –

# משיחת ש״פ שלח תשל״ב

ד. בנוגע דעם זוהר אויף היינטיקע פרשה, איז דא די ערשטע
הערה וואס דער טאטע שטעלט זיך (לקוטי לוי"צ ע' שעה) אפן זוהר (קסא,א),
אויף דעם וואס דער זוהר איז מבאר דעם פסוק "ועתה יגדל נא כוח אדני",
אז "זכאין אינון ישראל מעמין עכו"ם דעלמא [אז אידן שטייען העכער
פון די גוים] וקוב"ה אתרעי בהו [זיין רצון איז אין זיי] והתכני
בהו ואתפאר בהו [ער ווערט שענער דורך זיי] כו'"; שטעלט זיך דער
טאטע אויף דעם דאס וואס ער ברייננגט דא דריי לשונות, און איז מבאר
אז דאס זיינען כנגד חסד גבורה תפארת, די ג' קווין, וואס אין די ג'
קווין איז דא "תד אריך וחד קציר וחד בינוני", און דאס זיינען
די דריי ענינים וואס ער רעכנט אויס דא.

כמדובר כמה פעמים אז דער טאטע האט זיך באר געשטעלט אויף
די ענינים וואס עס איז דא אין דעם א הידוש, און די אנדערע האט ער
זיך פארלאזט אז מען וועט זיך אליין כאפן אויף זיי.

איז דא געבליבן נאך צו פארשטיין – אין דעם עצם ענין:
ער זאגט דא צוויי ענינים: פריער זאגט ער די מעלה פון אידן אז אידן
שטייען העכער פון גוים, און דערנאך זאגט ער אז דער אויבערשטער איז
זיך מתפאר מיט די אידן וכו'. וואס ווי מען וועט דא לערנען – פי
דאס איז בהמשך צו דעם וואס ער זאגט פריער, אדער דאס איז א ביאור
און א טעם אויף דעם וואס ער זאגט פריער– איז נישט פארשטאנדיק:

די צוויי ענינים זיינען אין ערוך לגמרי איינער אויס צווייטן; ער הויבט אן אז אידן שטייען העכער פון די גוים, ד.ה. אז דאס איז ווי די אידן שטייען אין אזא מצב אז מען דארף באווארענען אז זיי שטייען העכער פון גוים, און גלייך נאך דעם זאגט ער גאר אן ענין באין ערוך, אז דער אויבערשטער איז זיך מתפאר מיט די אידן, און ווי ער ברענגט דא די דריי לשונות: אתרעי בהו – וואס דאס גייט אויף רצון, וואס דאס מיינט אז דורך דעם וואס די אידן טוען זייער עבודה למטה פועל'ן זיי אויף למעלה דעם ענין הרצון, אז עס ווערט אזוי דער רצון למעלה; ועד"ז דער צווייטער ענין "ואתכני בהו", דער ענין פון כינוי אז דער אויבערשטער איז זיך מתכנה דורך די אידן, ועד"ז דער דריטער ענין "ואתפאר בהו", אז זיי טוען אויף אז דער אויבערשטער איז זיך מתפאר מיט זיי; וואס דאס זיינען דאך אלץ ענינים ווי די אידן כביכול טוען אויף א מעלה אין דעם אויבערשטן, וואס דאס דאך בכלל באין ערוך לגבי דעם ערשטן ענין וואס ער הויבט אן אז "זכאין אינון ישראל מעמין עכו"ם דעלמא", ווי אידן זיינען העכער פון <u>גוים</u>, און גלייך נאך דעם זאגט מען גאר אן ענין באין ערוך לגמרי ווי דער אויבערשטער איז זיך מתפאר דורך די אידן, כביכול ווי אידן זיינען <u>העכער</u> פזן <u>אויבעדסטן</u>.

אויך דארף מען פארשטיין: אז ער וויל זאגן ווי די אידן טוען אויף למעלה, האט ער געקאנט זאגן נאך א העכערן ענין, דער ענין וואס קומט ע"י מעשה המצות, אז עס ווערט דער "נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני" (ספרי (ופירש"י) פנחס כח,ח), וואס דער נחת רוח איז דאך א דרגא פון תענוג, וואס איז העכער פון ההלקוה ג׳ קוין, און דאס איז אזא דרגא נעלית אין תענוג העכער פון אלע דרגות – העכער פון התענוג לאחר גמר המלאכה בעת המנוחה, און העכער פון וואס פאר א תענוג המורגש וואס ס'קען זיין (ווי מ'האט גערעדט אין לעצטן מאמר), ע"ד ווי די דרגת התענוג וואס איז ביוה"כ וואס דאס איז א מעין התענוג ווי עס וועט זיין לע"ל, וואס א מעין מזה האט מען אויך אין שלש סעודות (המשך תרס"ו ע׳ תקמ"ב), אבער דער תענוג וואס ווערט דורך מעשה המצות שטייט נאך העכער פון דעם, עס איז דער תענוג עצמי; און ווער טוט אויף אט דעם תענוג – דאס ווערט אויפגעטאן דוקא ע"י מעשה המצות וואס א איד טוט דא למטה, ווארום סוף מעשה במחשבה תחלה, אז מעשה דערלאנגט אין תחלת המחשבה, אין "עלה במחשבה".

איז לכאורה אויב ער וויל ריידן וואס די אידן טוען אויף למעלה, איז פאר וואס דארף ער ברענגען וואס אידן טוען אויף אין די ג׳ קווין, ער האט דא געקאנט ברענגען די דרגה התענוג וואס ווערט ע"י מעשה המצוה, וואס דאס איז נאך העכער פון דעם?

נאר פון דעם וואס דער זוהר ברענגט אט דעם ענין אויף דעם פסוק "ועתה יגדל נא", איז פארשטאנדיק אז אט דער פסוק האט א שייכות דוקא מיט די צוויי ענינים וואס ער רעדט דא, דעריבער ברענגט ער דוקא אט די צוויי ענינים, ווי אידן שטייען העכער פון גוים, און ווי דער אויבערשטער איז זיך מתפאר ע"י די אידן וכו׳, און בדרך ממילא וועט מען זיין פארשטיין פארוואס ער ברענגט דוקא ווי די אידן טוען אויף למעלה בנוגע די ג׳ קווין,

און ער בריינגט ניסט די העכערע דרגא פון תענוג, וכפי שיתבאר לקמן.

בנוגע דעם זוהר: דער כללות הביאור בזה איז: דאַ האָט דאָך געדאַרפֿט זיין "ועתה יגדל נא כוח אדני", וואָרום היות אַז די אידן האָבן זיך יעמאָלט געפֿונען אין שפֿל המצב, וואָרום זיי זיינען דורכגעפֿאַלן דעם חטא המרגלים, האָט מען דאָך געדאַרפֿט האָבן "ועתה יגדל נא כוח אדני", כדי מ'זאָל קענען מבטל זיין אַזאַ גזירה, וואָרום זיי האָבן דאָך גע'טענה'ט אַז"אפילו בעה"ב אינו יכול להוציא את כליו" וכו', איז בכדי מבטל צו מאַכן אַזאַ האַרבן ענין איז ניט גענוג די המשכה ווי זיי זיינען שטענדיק, נאָר מ'האָט געדאַרפֿט ממשיך זיין פֿון גאָר אַ העכערן אָרט און דאָס ממשיך זיין גאָר אין אַ מקום נמוך, צו מתקן זיין אַט דעם חטא.

דעריבער האָט דאַ געדאַרפֿט זיין דער "<u>יגדל</u> נא כח אד'", און אַפֿילו אין דעם יו"ד פֿון "יגדל" איז אויך געווען אַ הגדלה, וואָס דעריבער שטייט עס מיט אַ יו"ד רבתי, וואָרום דאַ האָט זיך געדאַרפֿט אויפֿטאָן אַזאַ ענין, אַז ביז אַפֿילו דער יו"ד וואָס בעצם איז ער גאָר דער קלענסטער אות פֿון אַלע אותיות, האָט עס צוליב אַזאַ האַרבע עבירה געדאַרפֿט נתגדל ווערן - היפֿך פֿון "צור ילדך תשי" (האזינו לב,יח) וואָס איז אַ יו"ד זעירא צוליב דעם שפֿל המצב בא אידן, האָט דאַ געדאַרפֿט זיין אַ הגדלה כדי צו דערלאַנגען לדרגא נעלית צו מתקן זיין דעם חטא.

ובפרט איז עס מובן בעניננו: דער שם אד' באַווייזט אַז "הוא אדון על כל הארץ" ווי עס שטייט אין שעהיוה"א (פ"ז), און ווי עס ווערט דערציילט אין מדרש (ב"ר פי"ז,ד) אַז לאַחר וואָס אדה"ר האָט געגעבן נעמען צו אַלע נבראים האָט אים דער אויבערשטער געפֿרעגט "ואני מה שמי", האָט אדה"ר אים געענטפֿערט אַז "לך נאה להקראות אד' שאתה אדון לכל בריותיך"; און דאַ בא חטא המרגלים האָבן זיי פּוגם געווען אין שם אד' וואָרום זיי האָבן גע'טענה'ט אַז "אין בעה"ב יכול להוציא כליו", היפֿך פֿון "אדון אתה על כל מעשיך" - דערפֿאַר האָט געדאַרפֿט זיין "<u>יגדל</u> נא כח <u>אד</u>'" כדי צו מבטל זיין דעם פּגם פֿון די אידן אין שם אד'.

ווי אַזוי פּועל'ט מען דעם "יגדל"? וועט מען עס פֿאַרשטיין בהקדים דיוק הלשון "יגדל נא <u>כוח</u> אד'", דעם ענין פֿון כוח, וואָס אין כוח געפֿינט מען צוויי אופֿנים און צוויי ענינים: עס איז דאָ ווי כוח איז אַן ענין למטה פֿון דעם אדם, ד.ה. אַז עס איז דאָ דער מציאות פֿון דעם אדם, און ער האָט כוח צו פּועל'ן ענינים, צי ע"י מחשבה צי ע"י דבור צי ע"י מעשה, וואָס דאָס באַווייזט אַז דער כוח איז פֿון דעם אדם; און עס איז דאָ דער ענין פֿון כוח ווי עס איז העכער פֿון דעם אדם, ד.ה. דער כוח וואָס ווערט נמשך צו דעם אדם.

עד"ז איז עס בנוגע "כח אד'": עס איז פֿאַראַן די המשכה פֿון שם אד' וואָס ווערט נמשך למטה ממנו - צו אידן, און עס איז דאָ דער ענין וואָס ווערט נמשך אין שם אד' מלמעלה ממנו.

און די צוויי ענינים זיינען פֿאַרבונדן: כדי עס זאָל קענען נמשך ווערן פֿון שם אד' צו נידעריקער, דאַרף זיין אַ המשכה צו שם אד' פֿון העכער, פֿון עתיקא (ווי עס שטייט דער לשון בכ"מ), ועי"ז קען עס נמשך ווערן למטה ביותר.

אַט די צוויי ענינים זעט מען אויך בנוגע דעם מילוי פֿון די אותיות -

- וואָס -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

וואס עס זיינען דא אין דעם צוויי ענינים: פון איין זייט איז כל ענין המלוי בשביל הזולה, ע"ד ווי אות אל"ף, איז בשעת מ'וויל עס ארויסזאגן . . . בדבור דארף מען עס זאגן במילואו, צום א' הערט זיך למ"ד פ"א, משא"כ בשעת מ'טראכט לעצמו דעם אות א' בערט זיך ניט דער מילוי, זעט מען דאך אז ענין המילוי איז בלויז בשביל הזולת; ולאידך גיסא איז דער מילוי– דער מילוי פון אות אליין, און עס איז דער שלימות פון אות אליין; וואס דאס איז כנ"ל אן ענין וואס איז למטה ממנו, און אן ענין וואס איז למעלה ממנו,

דעריבער שטייט דא "ועתה יגדל נא כוה אדני", אז מען האט בעדארפט אויפטאן אז די צוויי ענינים: ממשיך זיין אז פון "כח אדני" זאל אראפקומען אין א מקום למטה ביותר, ביז צום מקום החטא, און כדי דאס גופא זאל קאנען זיין האט געדארפט נמשך ווערן פון א מקום נע' ביותר אין שם אדני, און דוקא מצד דערויף האטדאס געקאנט מתקן זיין אט דעם חטא. וואס דאס איז ווי גערעדט פריער די צוויי ענינים אין כח, ווי כח שטייט למטה פון שם אד' און ווי עס שטייט העכער פון שם אד', און דא האט מען געדארפט האבןביידע ענינים, סיי ממשיך זיין פון א מקום נעלה ביותר, אין שם אד', און סיי ממשיך זיין דאס פון שם אד' אין א מקום למטה ביותר, ביז צום מקום החטא המרגלים.

דאס זאגט ער אין זוהר: ער רעדט דאך וועגן חטא המרגלים, און ער שטעלט זיך דאך אויף דעם פסוק "ועתה יגדל נא כח אד' – רעדט ער דאך אט די צוויי ענינים: פריער רעדט ער בנוגע דעם ארט וואו מען דארף עס ממשיך זיין, דעריבער רעדט ער דעם ענין פון זכאין איננון ישראל אז זיי שטייען העכער פון גוים, וואס דאס איז אין אזא מקום וואס עס איז דא א סברא אז זיי זיינען גלייך און מען דארף באווארענען אז אידן שטייען העכער פון גוים, וואס דאס איז ווי די אידן שטייען אין א מקום דרגא נמוכה ביותר, ביז אז בחיצוניות זעט ער אויס להבדיל ווי א גוי, וואס דעריבער דארף מען ברענגען אויף דעם ראיות אז אעפ"כ שטייען זיי העכער.

דערנאך איז דא דער צווייטער ענין וואס ער ברענגט אין זוהר אז דער אויבערשטער איז "אתרעי בהו ואתכני בהו ואתפאר בהו", מיט די אידן, וואס דאס אזוי ווי די אידן שטייען אין א הויכע דרגא, און מצד אט די דרגא האט מען געקאנט מתקן זיין דעם חטא; וואס דאס גייט דאך אויף די ג' קווין – אז די אידן פועל'ן למעלה אין די דריי קווין, און וויבאלד אז זיי פועל'ן דאס אויף ווערט פון דארט נמשך אויך צו זיי, ווארום זיי זיינען נוטל חלק בראש.

נאכמער: אפי' מען וועט אויפטאן אז מען וועט ממשיך זיין פון א מקום נעלה ביותר ביז למטה ביותר במקום החטא, איז דאס אבער קיין הכרח ניטש אז דארטן זאל מען אנהערן אט די דרגא בגלוי, ווארום אע"פ אז "גלו לבבל שכינה עמהם" (מגילה כט,א) שטייט אבער דארטן די שכינה אויך אין א מצב פון גלות, און כדי צו פועל'ן תיקון החטא, דארף מען אויפטאן אז אויף זייענדיק אין דעם מצב פון חטא המרגלים זאל זיך אנהערן אט די דרגא וואס מען האט ממשיך געווען,

דעריבער ברענגט דער זוהר אט די דריי ענינים בהמשך צום ערשטן ענין כדי צו זאגן אז אויך זייענדיק למטה ביותר ביז צום מקום החטא, איז אויך דארטן הערט מען אן בגלוי אט די דרגא, ביז אז דער אויבערשטער איז זיך מתפאר דורך די אידן וכו', וואס דאס הייסט אז עס שטייט באופן גלוי אויך אין דעם מצב פונעם חטא.

וכנ"ל, אז וויבאלד די דריי ענינים למעלה קומען ע"י עבודה פון די אידן, דעריבער זיינען זיי נוטל חלק בראש, ווארום זיי האבן אויפגעטאן אז ס'זאל נמשך ווערן אט דער ענין פון א מקום נעלה ביותר, ווערט דאס נמשך אויך צו זיי, אפילו אין א מקום מטה ביותר.

דעריבער בריינגט ער בלויז אט די דריי ענינים, לנגד די ג' קווין, און ער בריינגט ניט דעם העכערן ענין אז ע"י מחות ווערט "נה"ר לפני שאמרתי ונעשה רצוני", די העכסטע דרגא פון תענוג, ווארום דא וויל ער דאך ריידן, ניסט ווי אידן טוען אויף ענינים וואס זיינען בכלל העכער פון וועלט, העכער פון השתלשלות, ווארום דא האט מען געדארפט ממשיך זיין פון א מקום נעלה עס זאל מתקן זיין דעם חטא, במילא איז דא נוגע אז מ'איז ממשיך פון אן ארט וואס האט עכ"פ א שייכות צו וועלט, ווארום מען דארף דאס ממשיך זיין אין וועלט, דעריבער קאן ער ניט בריינגען די דרגא פון נה"ר, ווארום דאס איז א דרגא וואס איז בכלל העכער פון וועלט, און אז דאס זאל זיך אנהערן אין וועלט, וואלט די וועלט געווארן אויס עוה"ז, אדער ס'וואלט געווארן עוה"ב, דעריבער דארף ער בריינגען דוקא די דריי ענינים, וואס דאס איז כנגד די דריי קוים, וואס דאס איז א דרגא וואס האט א שייכות צו וועלט, און פון דארט קען מען ממשיך זיין ביז צום מקום החטא, און דארטן אויפטאן, ביז אז דארטן שטייט עס בגלוי.

במילא, בשעת מען זעט ווי אידן זיינען אין אזא הויכע מדריגה, ביז אז אפילו זייענדיק אין א שפל המצב, בשעת החטא, איז מען אויך פארבונדן מיט עצמות ומהות שלמעלה מהשתלשלות, איז ווי קומט מען און מען וויל דארטן אריינשטופן א גוי, און זאגן אז ער האט די אלע ענינים?!